מרדכי ליפּשיץ

# לידער

## דער יום־טוב פֿון ווײַן

באַגאַסן מיט פֿרייד און מיט פֿרוכט און מיט שײַן,
מאַרינאַ איז פֿריילעך אין יום־טוב פֿון ווײַן.
און ס'לעבן די גאַסן, מען גייט און מען פֿאָרט,
מען טרינקט אין די קנײַפּעס, פֿון גלאָז און פֿון קוואָרט...
עס שפּילן אָרקעסטערס, מען זינגט און מען לאַכט,
דער טאָג איז אַנטשלאָפֿן, עס רוקט זיך די נאַכט.
און ס'צינדן זיך לאָמפּן און שטערן און ליכט,
לבֿנה איז אויך דאָ מיט רונדן געזיכט.
עס טרעפֿן זיך שטראַלן פֿון לאָמפּן און שטערן,
פֿאַרמעסטן זיך גלאַנציק מיט שטאָלצע באַגערן,
זיי טונקען זיך בײדע אין גלעזלעך פֿון ווײַן —
וואָס דאַרף מען זיך קריגן?... איך לײַכט און דו שײַן.
ס'וועט קלעקן פֿאַר בײדן, איז קליין דען די וועלט?
דו לײַכסט אין די גאַסן, און איך אויפֿן פֿעלד.
נאָר לאָמפּיקע שטראַלן — זיי האַלטן זיך גרויס:
ווער וויל אײַך דאָ האָבן... די וועלט זי איז טאַקע גרויס,
נאָר מיר לײַכטן בעסער — מיר לײַכטן אין זאַלן,
און איר ווערט אין חלל, אין פּוסטקייט פֿאַרפֿאַלן;
מיר לײַכטן אין שטאָלצע און גרויסע פּאַלאַצן,
מיר שפּיגלען זיך פּעסטלעך אין וואַזעס און טאַצן,
מיר לײַכטן באַגריסטע, און איר, ווי פֿאַרברעכער,
הענגט נאַכטיק אויף ביימער, פֿאַרקאַנעס און דעכער.

דער קעמפּן איז אַ משל:
ביידע שפּיגלען עפּעס
פֿון שלונגען

„אין גאַנג" – רוים, 1947, נומער: 6־7

איר קוקט, ווי פּחדנים, אַרײַן דורך די שויבן...
וואָס איז אײַער לעבן, וואָס איז אײַער גלויבן?

— — — — — — — — — — — — — — — —

ווער ווײס נאָך, ווי לאַנג מען וואָלט אַזוי זיך געדונגען
אַ נס, וואָס אַ שיכור־האָט בײַדן פֿאַרשלונגען.
און גאַס איז ניט קאַנטיק, אַז ס'פֿעלן צוויי שטראַלן,
ס'וועט ניט אײַנפֿאַלן זוכן — ניטאָ, איז פֿאַרפֿאַלן...
מאַרינאַ  איז  פֿרײַלעך און טונקט זיך אין שײַן,
מען כליאָעט  די  שטראַלן אינײַנעם מיט ווײַן.
און סווערן ניט ווײניקער שטראַלן און ליכט,
זײ לעבן נאָר אויף אויפֿן שיכורס געזיכט,
שיכורים באַצירטע מיט שפּאָטישע היט
בײַ יעטוועדן טישל, אויף יעטוועדן שריט.
מען טרינקט און מען זינגט, און מען זינגט און מען גײט,
עס שפּילט אַ גיטאַרע, אַ פֿידל, אַ פֿלײט.
מען שפּילט ווי באַזעסן, מען פֿאַלט פֿון די פֿיס —
אַ ברעט איז אַ בענקל, אַ פֿאַס איז אַ טיש...
זיצט אַ כאַרינער אויף ציגל און דרעמלט,
די באַקן פֿאַרויטלט, די אויגן באַפֿלעמלט,
באַנגאָסן מיט שיכרות, מיט פֿרײד און מיט שײַן...
מאַרינאַ איז פֿרײַלעך אין יום־טוב פֿון ווײַן.

דער אָפּטימיזם פֿון די אילוזיעס ⟷ די סתירות אין דער נאַטור